בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת במדבר תשע"ז** **שבת מברכין סיון** **גליון 362 [שנה ח']**

**פארוואס האט מען געווארט ביז אחד באייר ציילן די אידן**

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר: (א א) זאגט רש"י מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה, כשיצאו ממצרים מנאן, וכשנפלו בעגל מנאן לידע מנין הנותרים. כשבא להשרות שכינתו עליהן מנאן. באחד בניסן הוקם המשכן, ובאחד באייר מנאם: עכ"ל, פרעגן די מפרשים, אויב באחד בניסן איז געווען הוקם המשכן פארוואס האט דער אויבערשטער געווארט אויף אחד באייר זיי צו ציילן? ולעניות דעתי קען מען זאגן אז פון אחד בניסן ביז י"ב ניסן זענען די נשיאים געווען פארנומען מיט מקריב זיין זייער קרבנות און עס איז געווען א יו"ט פאר אלע, און נאכדעם איז שוין געווארן יו"ט פסח זענען אלע פארנומען איז שוין אריבער רוב חודש ממילא האט מען שוין געווארט אויף א נייע התחדשות אין ראש חודש אייר. (ובחרת בחיים – ר' חיים פאלאז'י)

**יחוס אבות איז זייער חשוב אויב מען האט אויך יחוס עצמי**

אֵלֶּה קְרִיאֵי הָעֵדָה נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם: (א ט"ז) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מען אויסרעכענען די אלע טיטלען נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם, און אויך רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל, און אויב אויף צו ווייזן זייער חשיבות, וואלט געווען גענוג צו שרייבן אֵלֶּה קְרִיאֵי הָעֵדָה, וואס דאס מיינט די אויסגערופענע און חשובע מענטשן פון די עדה? נאר פשט אין פסוק איז אזוי: אֵלֶּה קְרִיאֵי הָעֵדָה די זענען די חֲשׁוּבֵי הָעֵדָה, אבער זיי האבן געהאט זייערע חשיבות, סיי ווייל נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם, יחוס פון זייערע עלטערן, און אויך ווייל רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם, זיי זענען אליין געווען חשוב, ווייל יחוס אבות איז זייער חשוב אויב מען האט אויך יחוס עצמי. (מקרא מפורש –י. י. טראנק–קוטנא)

אִישׁ עַל־דִּגְלוֹ ... יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל־מוֹעֵד יַחֲנוּ: (ב ב) שטייט אין פסוק מִנֶּגֶד סָבִיב אנקעגן און ארום די אהל מועד. אבער עס שטייט נישט ווי ווייט זיי זענען געווען, זאגט רש"י ד"ה מנגד: מרחוק מִיל. און אזוי זאגט דער רבינו בחיי וז"ל רחוק מִיל. פון וואנעט ווייסן זיי אז עס איז טאקע געווען א מיל? קען זיין די רמז: אז ענדע פון פסוק שטייט לְאֹהֶל־מוֹעֵד יַחֲנוּ איז די ראשי תיבות מִיל. (ס' בכור יעקב)

**וואס זענען די עיקר תולדות פון אהרן און משה**

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת־מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי: (ג' –א') לכאורה איז שווער א קשיא פארוואס איז די תורה מדייק אז דאס זענען די תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה דוקא בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת־מֹשֶׁה, און אין א אנדערן טאג איז נישט פארן תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה? נאר עס שטייט (בראשית ו ט) אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ, וואס איז געווען די עיקר תולדות פון נח: אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, ווייל ביי צדיקים איז זייערע תולדות די מעשים טובים, דאס זעלבע קען מען זאגן דא. וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה, וואס זענען די עיקר תולדות פון אהרן און משה? איז די תירוץ, בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת־מֹשֶׁה, וואס דורך זיי איז געגעבן געווארן די הייליגע תורה פאר כלל ישראל, און זיי האבן געקענט אויסלערנען ווייטער די הייליגע תורה. דאס איז זייער עיקר תולדות. (תורת מהרי"ץ – דושינסקי)

**פארוואס דעם אריכות למשפחתם לבית אבתם, און במספר שמות**

שְׂאוּ אֶת־רֹאשׁ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת כָּל־זָכָר לְגֻלְגְּלֹתָם: (א ב) דארף מען פארשטיין פארוואס איז דא א אריכות הלשון אין פסוק, לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם, און בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת, עס וואלט געווען גענוג צו שרייבן שְׂאוּ .... לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם? נאר דער הייליגער חיד"א אין זיין ספר פני דוד שרייבט אין הקדמה אז עס איז ידוע אז א שונא קען נישט אנרופן דעם נאמען פון זיין שונא מיט זיין נאמען נאר ער רופט אים דער זון פון יענעם אדער עפעס א כינוי, און א ראיה פון מדרש אז דוד המלך ע"ה האט געזאגט דואג און אחיתופל ווייסן נישט מיין נאמען, ווייל זיי זענען געווען זיינע שונאים, און אויך טרעפן מיר ביי די ויכוח פון שאול און יהונתן, זאגט שאול (שמואל א כ כז) וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ מַדּוּעַ לֹא־בָא "בֶן־יִשַׁי" גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם אֶל־הַלָּחֶם? ער רופט אים נישט דוד נאר בן ישי פון שנאה! אבער אהבת דוד ויהונתן איז געווען, האט יהונתן געענטפערט: וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל נִשְׁאֹל נִשְׁאַל דָּוִד מֵעִמָּדִי עַד־בֵּית לָחֶם, ער זאגט א שטארקן לשון נִשְׁאֹל נִשְׁאַל דָּוִד, ווען ער וואלט נאר געקענט זאגן נִשְׁאַל מֵעִמָּדִי, נאר ער האט געוואלט ארויס ווייזן זיין חיבה צו דוד און דערמאנט זיין נאמען, זאגט אים שאול: הֲלוֹא יָדַעְתִּי כִּי־בֹחֵר אַתָּה "לְבֶן־יִשַׁי", שאול קען נישט ארויסזאגן דעם נאמען דוד. ממילא איז שוין גוט אונזער פסוק, ווייל דער אויבערשטער וויל ווייזן זיין ליבשאפט צו כלל ישראל מוז ער דערמאנען זייער נאמען און נישט נאר לבית אבותם אזוי ווי בן ישי, דאס מיינט בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת, אזוי ווי א גוטע פריינד וואס רופט יענעם ביים נאמען. (אברהם אנכי –ר' אברהם פאלאז'י)

**פארוואס ביי לוי ציילט מען מבן חודש ומעלה**

פְּקֹד אֶת בְּנֵי לֵוִי לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם כָּל זָכָר מִבֶּן חֹדֶשׁ וָמַעְלָה תִּפְקְדֵם: (ג' ט"ו) זאגט רש"י משיצא מכלל נפלים הוא נמנה. קומט אויס אז עס איז דא א אונטערשייד פון דעם ציילן לֵוִי און כלל ישראל. ביי לֵוִי איז געווען מבן חודש ומעלה און ביי כלל ישראל איז מבן עשרים שנה ומעלה. דארף מען פארשטיין וואס איז דער טעם החילוק? נאר מען קען זאגן אז כדי צו ציילן א מענטש דארף ער האבן א חשיבות, און דער חשיבות פון כלל ישראל איז ווען ער איז א איש און דאס איז ביי 20 יאר ווען ער איז אין זיין אייגענע רשות. אבער בְּנֵי לֵוִי האבן זייערע חשיבות ווען זיי זענען "בְּנֵי לֵוִי" און דאס איז מבן חודש ומעלה, ווען זיי זענען ארויס פון כלל נפל און מען דארף זיי דעמאלטס ציילן. דאס מיינט דער פסוק "פְּקֹד אֶת בְּנֵי לֵוִי" (דברי שאול – ר' יוסף שאול נאטנזון אב"ד לבוב)

**לפרקי אבות פרק חמישי - שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ?**

אַרְבַּע מִדּוֹת בָּאָדָם. הָאוֹמֵר שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ, מִדָּה בֵינוֹנִית. שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי, עַם הָאָרֶץ. **שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ, חָסִיד.** שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי, רָשָׁע: (משנה י') דער חסיד זאגט שֶׁלִּי אפילו מיינס, איז דיינס. דאס צו פארשטיין! קען מען דאס מסביר זיין לויט די גמ' (תענית כ"ד, חולין פו ע"א) בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת כל העולם כולו – ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני – די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת. ווייל חנינא איז א חסיד, ממילא וואס ער האט, איז נישט אין זיין זכות, נאר אין זכות פון א צווייטן, דעריבער האט ער נישט געוואלט מער וויפיל ער דארף אויף צו לעבן. דעריבער דער חסיד זאגט שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ, אלעס איז אין יענעמ'ס זכות, ווייל ער איז בשפלות און האלט אז ער אליין האט נישט קיין זכותים. דאס קען זיין אויך ביי יעקב אבינו וואס האט געזאגט: קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים, איי דער אויבערשטער האט אים צו געזאגט וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־תֵּלֵךְ, פון דעסטוועגן יעקב איז א איש תם, א מושלם במדותיו, וואס דאס איז שפלות, און ער האלט טאקע קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים. (שמח זבולון)

# מדור העובדות

## הרה"ק אליעזר דוב פון ראדושיץ זצוק"ל אלץ אינגעל ראטעוועט זיין שטאט פון טריפות

דער הייליגער ראדושיצער צדיק הרה"ק ר' דוב בער ב"ר יצחק זצוק"ל האט געהאט א איידעם הרה"צ ר' יצחק פינקלער וואס איז געווען זיין ממשיך וואס האט געהאט א זון הרה"צ ר' הלל וואס האט געהאט א זון הרה"צ ר' אליעזר דוד מראדושיץ (נפ' כ"ב אדר תרפ"ז) ער איז געווען א קדוש וטהור און נישט נהנה געווען פון די וועלט. מען דערציילט אז אויפן עלטער האט ער שוין נישט געקענט זעען אבער ווען א חסיד איז אריין האט ער אים גערופן ביים נאמען. און ער איז געווען א גרויסער בעל מופת און געהאט טויזנטער חסידים.

ווען ר' אליעזר דוד איז געווען א אינגעל פון 6 יאר אלט האט ער געראטעוועט די ראדושיצער אידן פון מאכלות אסורות. די מעשה גייט אזוי: נאך אלס אינגעל האט מען שוין געזעהן אז דער ראדושיצער וואקסט אויס א עילוי, שטענדיג איז ער ארום געגאנגען פארטראכט און פארקלערט, און ער איז געווען א שטילער אבער זיין שארפן מוח האט זיך ארויס געוויזן אויף טריט און שריט.

אין ראדושיץ פלעגט אנקומען יעדן פרייטיג א אידישער בעל עגלה מיט א וואגן אנגעלאדנט מיט פריש ג'שחט'נע גענז. ער האט געשטעלט אין מארק און אויסגערופן אז ער איז דא, און די פרויען פלעגן קומען איינקויפן לכבוד שבת. מאכט זיך איינמאל א פרייטאג און דאס זעקס יעהריגע אינגעל דער זון פון רבי הלל, גייט אינדערפרי אין חדר אריין, און אויפן וועג זעט ער פארן ערשטן מאל ווי עס קומט אן דער אידישער וואגן אנגעלאדענט מיט גענז. און דער איד רופט אויס אז ער האט געברענגט לכבוד שבת פרישע גענז און ביז א פאר מינוט זענען געקומען א סאך פרויען ארום דעם וואגן און האבן געוואלט קויפן פון די גענז. דער אינגעל קוקט אויפן וואגן און פארטראכט זיך און נאך א פאר מינוט גייט ער צו צום וואגן און שרייט אויס מען זאל נישט קויפן פון די גענז ווייל זיי זענען טריפה. דער בעל עגלה הערענדיג די ווארענונג פון דעם אינגעל האט זיך אין איהם אנגעצונדן א כעס און ער האט דעם אינגעל מכבד געווען מיט זיין בייטש וואס ער האט געהאלטן אין האנט. פארשטייט זיך אז דער אינגעל איז אוועקגעלאפן ווייל עס האט אים וויי געטאן. און האט נישט געוואלט באקומען נאך שמייץ! אבער ער האט זיך בארעכנט אויב ער וועט זיך דערשרעקן פון דעם בעל עגלה און אוועקגיין וועלן חלילה אידן עסן טריפות דעם שבת. ניין! ער קען דאס נישט צולאזן, און איז צוריק געלאפן צום ארט וואו דער סוחר איז געשטאנען מיט די גענז און דעמאלטס איז שוין געשטאנען נאך א גרעסערער עולם צו קויפן. און דער אינגעל שרייט אויס די גענז זענען טריפה! פארשטייט זיך אז דאס האט שוין געשאפט ספיקות ביי די ערליכע פרויען וואס זענען דארט געשטאנען ארום געריגנלט דעם וואגן, איז געווארן א גרויסע טומל ווייל א טייל האבן שוין געהאט אויסגעקליבן גענז, און א טייל האבן געהאלטן אין מיטן קלויבן: נאר ווייל דער רבינ'ס אינגעל האט אין זיי איבערגעלאזט אזא איינדרוק און גלויבונג אז די גענז זענען טריפה האבן די פרויען צוריק געלייגט די גענז.

דער סוחר פארשטייט זיך איז אויך נישט געבליבן שטיל און געשריגן מיט כעס "פארוואס הערט מען זיך צו וואס א קליין אינגעל זאגט? פון וואו ווייסט ער אז די גענז זענען טריפה? ער זעט דאך די גענז גלייך ווי זיי! מן השמים האט מען געפירט אז פונקט אין יענע צייט פון שרייען איז פערביי געגאנגען די רעבעצן פון ר' הלל, האט איינע פון די פרויען איר אפגעשטעלט און געזאגט אז איר זון שרייט אז די גענז זענען טריפה און לאזט אונז נישט קויפן די גענז וואס זאלן מיר טאן? די רעבעצן אויסהערנדיג די זאך, האט אליין נישט געוואוסט וואס צו זאגן! אבער דאס האט זי גאנץ גוט געוואוסט אז איהר קינד וועט נישט זאגן גלאט אזוי אין די וועלט אריין. האט זי געזאגט אז זי גייט פרעגן איר מאן! זי איז שנעל אהיים געגאנגען און דערציילט איר מאן וואס איז געשען.

רבי הלל האט אויך פארשטאנען אויב זיין שטילער זון שרייט אז די גענז זענען טריפה מוז זיין אז ער ווייסט עפעס! און דער רבי האט זיך גלייך גענומען צו די ארבעט און געלאזט רופן דעם סוחר דער בעל עגלה און אים שארף געזאגט "איך האב געהאט א ידיעה אז דו פארקויפסט פאר אונזערע אידן טריפה גענז. די זיכערע און פארוויטיגדיגע ווערטער האט אריינגעשיינט און געעפנט די הארץ פון דעם סוחר און ער האט זיך שטארק דערשראקן דורכן צדיק'ס שטרענגע רייד אז ער האט זיך צו-וויינט און ער האט דערציילט די גאנצע מעשה: ער קויפט יעדע וואך לעבעדיגע גענז פון די גוים און נאכדעם קומט א ערליכער שוחט און שחט די גענז און דאס פארקויפט ער פאר די אלע שטעטלאך ארום. אבער די וואך איז דער שוחט נישט געקומען, האב ער געמוזט אליין שחט'ן די גענז און זיי פארקויפן.

רבי הלל האט געזען די חרטה פון דעם איד, און האט איהם געגעבן צו פארשטיין דעם גרויסן חטא וואס ער האט דא געטאן און צו זיין מזל האט מען אים אפגעהיטן פון הימל קיינער איז נישט נכשל געווארן פון די טריפה גענז! דער איד האט זיך גוט אויסגעוויינט און צו-געזאגט דעם רבין אז מהיום והלאה וועט דאס מער נישט פאסירן. און דער רבי האט געהייסן ער זאל זאגן די פרויען אז די גענז זענען טריפה און די אנדערע וואך וועט זיין כשרע גענז.

דערווייל האט רבי הלל גוט אפגעאטעמט אז די מעשה האט זיך גוט געענדיגט, אבער יעצט האט ער געדארפט פרעגן זיין הייליגן זון ווי אזוי האט ער געוואוסט דעם סוד? ווען ער איז אהיים געקומען פון חדר האט איהם רבי הלל אריינגערופן אין זיין צימער און זיך געמאכט ווי ער פרעגט אים שטרענגערהייט: ווי פאלט דיר איין צו זאגן אויף א איד אז ער פארקויפט טריפה גענז? האט דער זעקס יעהריגע אינגעל געענטפערט מיט א רוהיגקייט: איך בין געגאנגען אינדערפרי און איך האב געזען דעם וואגן וואס פארקויפט גענז און איך זע ווילדע פויגלען -עורב- קומען צו פליען און שטעלן זיך אפ אויף די גענז וואס ליגן אויף דעם וואגן, און דער בעל עגלה טרייבט זיי מיטן בייטש. און זיי טרעטן זיך אבער נישט אפ, זיי זענען שוין ווייטער דא! און ער קען זיי גאר נישט פטר'ן, האב איך געטראכט גלייך פון דעם פסוק אין פרשת שמיני "אֵת כָּל עֹרֵב לְמִינוֹ" אז א עורב איז א מין טמא. האב איך געלערנט פשט "אֵת כָּל עֹרֵב לְמִינוֹ" דאס הייסט אז א עורב וואס איז טמא גייט צו "למינו" צו א טמא. האב איך פארשטאנען אז די גענז זענען אויך טמא.

רבי הלל האט דעמאלטס געשטראלט פון שמחה און האט געזען פאר זיך אז זיין אינגעל איז נישט סתם א חדר אינגעל נאר א דערהויבענער מענטש און האט איהם א גלעט געגעבן און האט דעמאלטס געבענטש זיין טייערן זון פארן ראטעווען די שטאט פון מאכלות אסורות. (ספר ראדושיצער צדיק תרפ"ח)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות$13000, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן $6000, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י $1000*

א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, צוויי ספרים מיט די חתימות פון הרה"ק ר' פייש דער ערשטער טאש רבי, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א ספר קדושת לוי וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' שמעון קאליש מאמשינוב, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, קומט אריין און איבערציינגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר וייסן וואס מיר האבן, און אלעם איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- **http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת


פרשת במדבר גליון 361